איז דאך בודיע זיין דעם סדר העבודה פון די כהנים יעדן טאג, איז דער אנהויב פון דער עבודה - שמירת המקדש,

אבער וואס פאר אן ארט האט אריינצושטעלן דעם דין פון שמירה אין די מסכתא וואס רעדט וועגן די מדות פון ביהמ"ק?

וועט בעז דאס פארשטיין בהקדם דיוק לשון הרמב"ם וואס ער שרייבט (אויך) אין אנהויב הלכות בית הבחירה אז די מצוה איז "לעשות בית לה'". וואס לכאו' איז ניט מובן דער לשון "לעשות", ער קען דאך זאגן "לבנות".

ואע"פ אז דער לשון הכתוב איז "ועשו לי מקדש" - איז דאך דער רמב"ם ניט מעתיק לשון הכתוב; בשעת ער זאגט "שנאמר" ברייננגט ער דעם לשון הפסוק, אבער בשעת ער טרייבט די הלכה, שרייבט ער בנוסח פון הלכה ניט בלשון הכתוב, איז פארוואס שרייבט ער "לעשות"?

זאגט דער ראגאטשאווער (צפע"נ מהדו"ת ג, ב) אז אין דער מצוה פון עשיית המקדש קען מען לערנען אויף דריי אופנים: א) מ'זאל אים בויען. ב) ער זאל זיין געבויעט. ג) מ'זאל טאן אלץ ער זאל זיין (קיים) לדורות (העשוי' או שיעשה או שיהי').

און דאס איז ער מחלק צווישן בנין המשכן מיט בנין המקדש: ביי בנין המשכן איז די מצוה געווען מ'זאל אים בויען, און דעדפאר האט מען מקיים געווען די מצוה דורך דעם וואס ויבואו האנשים על הנשים און מ'האט געבראכט זהב וכסף וכו';

משא"כ ביים מקדש איז די מצוה ער זאל זיין געבויעט, און דער בויען איז נאך א הכשר צו די מצוה, וואס די ראי' אויף דעם איז פון די גמ' (מעילה יד, א. ב"מ נז, ב) אז בונין בחול ואח"כ מקדישים, ד.ה. אז דער עיקר המצוה איז ניט בעת הפעולה, ווארום אויב די מצוה איז אויך דער בויען אליין, דארף דאס זיין בקודש, אזוי ווי די עבודה איז בקודש, נאר די מצוה איז ס'זאל זיין א ביהמ"ק, וואס דאס טוט זיך אויף אויך בשעת בונין בחול.

דערמיט איז מובן דער דיוק פארוואס דער רמב"ם שרייבט לעשות און ניט לבנות, ווייל די מצוה איז ניט דער בנין - נאר ס'זאל געמאכט ווערן א מקדש - ניט נוגע באיזה אופן שהוא.

וואס לפי"ז יובן די שייכות פון דעם דין "בשלשה מקומות הכהנים שומרים כו'" צו מס' מדות:

וויבאלד אז די מצוה איז דער מקדש זאל זיין עשוי, און ס'איז ניט נוגע די עצם פעולת הבנין, איז דאך פונקט ווי מ'איז מחויב צו זען ס'זאל זיין אזוי און אזוי די מאס וכו', איז מען אויך מחויב צו היטן דעם מקדש, ווארום דוקא דורך דעם וועט זיין די שלימות אין דעם מציאות המקדש - איננו דומה פלטרין שיש עליו שומרין לפלטרין שאין עליו שומרין. און דעדפאר שטייט דער דין אין מס' מדות.

לפי הנ"ל איז אויך די נחמה בכפליים לתושי' בנוגע צו בנין ביהמ"ק השלישי:

ס'איז דאך ידוע וואס ס'שטייט אין מדרש (תנחומא ס"פ פקודי ובב"מ) אז דער ביהמ"ק דלעתיד וועט אראפקומען מן השמים בנוי ומשוכלל - משא"כ דער רמב"ם שרייבט אז משיח וועט בויען דעם ביהמ"ק.

- האט -

הנחת הת' בלתי מוגה